בס"ד

פ' וירא

דברים חוצבים להבות אש מאת הרה"ג

# ר' יצחק אלעזר מאסקאוויטש שליט"א

במעמד אסיפת הורים

אמאהל ווען מ'האט געוואלט אנווארעמען אביסל זיפ מיט פלייש צו עסן, איז געווען א גאנצע עבודה, מ'האט געמוזט ארויס נעמען א טאפ, און ארויף לייגן דעם טאפ אויפ'ן געז-רעטשט, און ווארטן 15-20 מינוט, און נאכדעם אפוואשן דעם טאפ, אפוואשן די טעלער, און די לעפעל וכדומה.

היינט איז דא אזא זאך ווי א מייקראוועיוו (Microwave), מ'נעמט ארויס דאס עסן גראד פון פריזער, און דער טעלער און די לעפל איז פלעסטיק, מען לייגט דעם טעלער מיט'ן עסן אריין אין מייקראוועיוו, און ביז 30 סעקונדעס איז דאס עסן הייס, גרייט צום עסן.

דאס זעלבע איז מיט פארדארבן ווערן, אמאל פארדארבן ווערן האט געדויערט זייער לאנג, וואס האט אמאל געהייסן פארדארבן? די פיאות זענען אביסל קורצער געווארן, אפאר יאר שפעטער איז דער הוט געווארן אביסל געבויגן, אא"וו, ס'האט געדויערט יארן ביז מען איז פארדארבן געווארן ר"ל.

## היינט איז דאס פארדארבן ווערן מייקראוועיוו!

## מ'זיצט 15 מינוט ביים קאמפיוטער

און די ראי' אסורה איז אריין טיף אין הארץ, און ס'האט זיך אנגעקלעבט אין דעם מענטש, אין די הייליגע נשמה איז פארברענט אינגאנצן.

## כל עבירות שבתורה איז דא אין די טמא'נע כלי!

און ס'האט א געוואלדיגן כח המושך ר"ל, דער אויבערשטער זאל אפהיטן
וויפיל אידישע טרערן דאס האט שוין געקאסט פאר אידן וואס
האבן בתמימות נישט געוויסט וואספארא
שעדליכע כלי דאס איז!

מען זאל רחמנות האבן אויף זיך און אויף די קינדער!
ס'איז נישטא געניג טרערן אין די וועלט וואס מ'זוויינט נאכדעם אז מ'הערט ח"ו א קינד
איז קאליע געווארן פון אזא כלי ר"ל, ס'איז ליידער מעשים בכל יום...